באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

פרץ הירשביין.

# רייזע־בילדער

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול״
ווילנע, o o o o o o 1937

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

פּרץ הירשבײן.

# רײַזע־בילדער

פֿאַרלאַג „נײַע יִדישע שול״
1937 ○ ○ ○ ○ ○ ○ ווילנע.

Printed in Poland

Wypisy żydowskie w zeszytach
złożone przez **S. Bastomskiego**

P. Hirszbejn

**„Rajze-bilder"**

Druk. „Express" Wilno, Wielka 33

# יאַפּאַנס פּעלדער.

איך צי שוין פון אינדערפרי אָן פון טאָקיאָ קיין קיאָטאָ. בּאַלד איז שוין זונפאַרגאַנג, און עס קייטלט זיך נאָך אַלץ גאָרטן־איין — גאָרטן־אויס, בּייטן לענג־בּייטן בּרייט, בּאַרג־אַרויף און בּאַרג אַראָפּ. בּאַרג־אַרויף גרינען טעראַסן. בּאַרג־אַראָפּ — ווי די בּרייטע טרעפּ צו יאַפּאַנישע טעמפּלען. עס קען די בּעסטע בּאַלעבּאָסטע אַזוי שפּאָרעוודיק ניט צעשניידן אַ לעקעך אַ קיילעכדיקן, ווען זי האָט אַ פולע שטוב מיט געסט, יעדן גאַסט אַ קלייניקן חלקל לעקעך געבּן, ווי מאַמע ערד האָט זיך דאָ געלאָזט צעטיילן אויף אַלערליי שטיקלעך ווינקלדיקע, דרייעקעדיקע און פירעקעדיקע... יעדער טייל בּאַזונדער איז אויף אַן אַנדער אופן בּאַאַרבּעט און מיט עפּעס אַנדערש פּאַרזייט.

יאַפּאַן האָט ניט קיין פעלדער, נאָר גערטנער. וואָס בּיי אונדז איז אַ קאָרנפעלד, איז דאָ אַ קאָרנגאָרטן. בּיי אונדז אַ ווייצנפעלד, דאָ — אַ ווייצנגאָרטן. און אַזוי די רייזפעלדער, גערשטן און האָבּער. נישטאָ קיין אָרט פאַר ווילדגראָז, פאַר בּערעלעך און שטעכעדיקע געוויקסן.

בּאַטראַכטנדיק די גלייכע, הויכע בּייטן, דעם זויבּערן אויפגאַנג פון די תבואות אָדער גרינצייג — וואָלטן מיר געקענט מיינען, אַז דאָ ווינט אַ וווּנדערלעך פאָלק, וואָס בּאַאַרבּעט די ערד מיט אַזוינע קלוגע מאַשינען, געטריבּן פון עלעקטרי, אָדער מיט אַן אַנדער אויסדערוויילטער קראַפט: אַ מענטש גייט מיט אַ שטעקעלע בּיים זייט און זינגט אַ זמרל און די אַרבּעט טוט זיך אַווטאָמאַטיש אַליין. וואָרים ניט מיט הוילע הענט קען מען בּאַאַרבּעטן אַזוי פעלדער, און אַזוינס פון דער ערד אַרויסרופן. נאָר מיט דער גרעסטער בּאַוווּנדערונג און מיט אַ גרויסער בּאַדויערונג זעט מען דעם מענטשן בּיי דער אַרבּעט. מע דערקענט, אַז ענגשאַפט, אָרעמקייט, דלות איז די קראַפט און די מאַשין, וואָס האָט זיך אין יאַפּאַנס פויער אַריינגעזעצט.

ניט קיין פערד און ניט קיין אָקס העלפט אַרויס דעם פויער בּיי זיין אַרבּעט. פון קיין פערד איז גאָר קיין רייד ניט. זעלטן, זעלטן ווען מ'זעט אַפילו אין שטאָט, אַז אַ פערד זאָל שלעפּן משא. דער מענטש, ער שלעפּט דעם שמאָל־לאַנגן וועגל משא. וואָס בּאַלאַנסירט זיך אויף צוויי רעדער אינמיטן. גאַנץ זעלטן שלעפּט דעם וואָגן משאָ אַן איינציקער אָקס, מיט אַ קיילעכדיקן יאָך אויפן קאַרק. גאַנץ אָפט העלפט אַ געטרייער הונט, אָדער צוויי הינט העלפן דעם מענטשן שלעפּן דעם וועגל משאָ.

אין פעלד — אין פאַרלויף פון אַ טאָג האָבּ איך געזען בּלויז עטלעכע מאָל, ווען איין אָקס האָט געשלעפּט אַ שמאָל־שמאָלן אַקער און אויפגעריסן די צעווייקטע ערד, און ווייטער — מענטש אַליין! מאַן אָדער פרוי.

איר ווייסט ניט, ווער עס טוט די אַרבּעט שווערער. מיר דאַכט, אַז די פרוי אַרבּעט אין פעלד שווערער. די געגנט, וואָס איך שרייבּ פון איר, איז קאַנאַליזירט. פון די טייכן ציט מען דאָס וואַסער דורך קאַנאַלן אין די פעלדער אַריין. די געגנט איז אַ בּערגיקע און דאָס וואַסער דערגרייכט אומעטום. די סיסטעמע איז די בּעסטע, וואָס איך האָבּ געזען. איידער מע בּאַדאַרף אַ שטיקל לאַנד פונאַנדעררירן, לאָזט

מען אויף דעם אַרויף וואַסער. מיט אַן ערדוואַנט איז דער שטח ערד אַרומגעצאַמט און דאָס וואַסער בלייבט שטיין און צעווייקט די ערד. ביז די קני אין בלאָטע שטייען מאַן און פרוי, מיט פשוטע גרויסע מאַטיטשקעס (אַן אויסגעבויגענער אייזן ווי אַ לאַנגער=כאָף אויף אַ שטעקן) און מיט דעם האַקט מען מאַמע ערד טריט נאָך טריט און מע קערט איבער די ערד=שטיקער. ווען אַפילו יעדער פויער האָט דורכשניטלעך פיר אַקער לאַנד, ווי מע גיט מיר איבער — איז שוין פאַראַן גענוג אַרבעט מיט אַזאַ אינסטרומענט די ערד עטלעכע מאָל אין יאָר פונאַנדערצווירן, ווייל ניט איינמאָל באַאַרבעט דער פויער זיין פעלד דורכן סעזאָן.

אָט זע איך, ווי עס ציען זיך שמאָלע, אויפגעשטאַנענע בייטן, און צווישן די בייטן — טיפע גראָבנס. אַזוי גלייך, אַזוי ריין! מע קאָן נישט האַלטן ריינער אַ שטח ערד, וואָס איז גרויס ווי אַ טיש. אין גראָבן איז עפּעס אַנדערש פאַרזייט, בעת אויפן בייט איז כוין דער שטרוי הויך און זאַנגען אַנטוויקלען זיך. און ווען די תּבואה פון בייט וועט זיין פאַרטיק, וועט מען אויף איר פּלאַץ ווידער עפּעס זייען. און וואָס טוט נישט דער פויער, כּדי עס זאָל וואַקסן! דאָ דעקט ער צו דאָס פעלד מיט אַ דינעם פלאַך שטרוי, דאָ שיט ער איבער די ערד מיט סאַליטרע, דאָ וואַקסט ביי אים עפּעס אונטער אַ ראָגעזשע אויף שטעקנס אָנגעצויגן און דאָרט וויקלען זיך געוויקסן אויף שטעקנס. אומעטום ביי דער אַרבעט דאָס אייגענע געדולד און די רויקע סיסטעמע.

וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון מענטשן? וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון דער ערד? איך האָב מיר געחידושט צו זען די שיינע פעלדער, די הונדערטער צ̇רומגעצאַמטע אַקער לאַנד אין צפון צי אין דרום אַמעריקע, ניי=זעלאַנד צי אַווסט=ראַליע, ווו מאָטאָרס האָבן געשלעפּט אַ שורה אַקערס אויף צען פוס ברייט. מאַשינען האָבן די זריעה געזייט. שפּעטער — די גרויסע שנייד= און דרעש=מאַשינען האָבן די תּבואות געשניטן, געדראָשן און זעק אָנגעפילט. איצטער זע איך, מיט וויפיל שווייס מע עסט דאָ דעם ברויט.

און ס'איז קיין וווּנדער ניט. אַכציק מיליאָן נפשות געפינען זיך דאָ אין יאַפּאַן אויף אַ שטח פון גענויע זיבן הונדערט טויזנט קוואַדראַט מייל. ניט נאָר ערד איז טייער — אַ קערנדל רייז איז דאָ געצערטלט ביים פאָלק. און דעריבער זע איך אָפט, ווי מע ברענגט צו בודאַן אַ מתּנה עטלעכע קערנדלעך רייז. וואָס דען קען דער פויער ברענגען זיין גרויסן לערער און גאָט? וואָס דען אַנדערש, אויב נישט די פרוכט פון זיין ביטערער פּראַצע?

וואָלט דער פויער באַאַרבעט זיין אייגן שטיקל ערד, זאָל זיין אַפילו אַ פּאָר אַקער, וואָלט שוין אויך ניט שלעכט געווען. מיט אַזוי פיל איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט, מיט ווייב און קינדער, וואָס העלפן — וואָלט ער שוין געהאַט זיין חיונה. איז אָבער די ערד ניט דעם פויערס. דער פויער דינגט די ערד און צאָלט דעם אייגנטימער מיט פופציק פּראָצענט פון דער גערעטעניש.

און דאָס איז אַ שרעקלעכער פּרייז, ווען מע באַטראַכט, וואָס דער פויער ברענגט אַרויס פון דעם קליינעם שטח ערד אין פאַרלויף פון יאָר. דאָס מיינט דאָך נישט פאַראַקערט, פאַרזייט, רעגן געקומען אין צייט, אַלץ אויסגעוואַקסן מיט נאַטורס חסד, מיט מאַשין געאַרבעט און דעם באַלעבאָס געגעבן זיין חלק. ניין, דאָ מיינט עס אַ קיילעכדיק יאָר אויפשטיין פאַרטאָג און אַראָפּ פון פעלד, ווען די זון פאַרגייט, איינינעם מיט ווייב און קינד ציען די אָדערן, די באַוואַסערונג, ווו מע

באַדאַרף אַרבעטן ביז די קני אין בלאָטע. אין פריען פרילינג, ווען עס כאַפּן ביטערע קעלטן, שטייט דער פויער מיט זיינע רויט־געשוואָלענע פיס ביז די קני אין וואַסער. נישט קיין ווונדער, וואָס ער קריגט ווייטאָקן אין זיינע פיס.

צווישן די פעלדער ציען זיך שמאָלע, הויך־אויפגעשאָטענע וועגן. דער פויער טראָגט זיין שפּע אויף די אַקסלען מיט קראָמעסלעס און אין צוויי קוישן. סיי ער און סיי זי נעמען אָן אויף זיך בינט מיט תבואה, צווייגן, בינטלעך האָלץ, און איר חידושט זיך, ווי שלעפּן דאָס דראָבנע מענטשן אַזוינע משאות? איר דערמאָנט זיך נאָר אָן די מוראַשקעס, ווען זיי טראָגן אויף זיך משאות פיל שווערער, פיל גרעסער ווי דער אייגענער גוף.

און נאָך דעם אַלעמען זעט מען אויך אין פעלד דעם כאַראַקטער פון יאַפּאַנישן פאָלק—די פיינערע שטריכן זיינע. ווי קאַרג עס זאָל נישט זיין דאָס לאַנד, ווי טייער עס זאָל נישט זיין פאַרן פויער יעדער שפּאַן ערד — פונדעסטוועגן זעט איר ווי ער האָט זיך פאַרגונען צו פאַרפלאַנצן אויך ביימער מער נישט צוליב שיינקייט—ביימער, וואָס בליען און גיבן נישט קיין פּירות.

מע באַמערקט נישט צווישן די פעלדער קיין בהמות, נישט קיין שאָף. אַלנפאַלס אין דער פּראָווינץ יאַמאָטאָ. פון וועלכער איך רייד איצטער, האָב איך זייער זעלטן אַזוינס געזען. וואָרים ווי קאָן מען דאָ האַלטן קי אָדער שאָף? ווו נעמט מען פאַר זיי פאַשע? צייט־ווייז דוכט זיך אויס, אַז דער גאַנצער מין בהמה פעלט דאָ אינגאַנצן. מענטשן זיינען נאָר פאַראַן, און דעם מענטשנס הענט קענען חידושים באַווייזן.

די לאַנדשאַפט די יאַפּאַנישע איז דעריבער די אייגנאַרטיקסטע, וואָס איך האָב ביז איצטער געזען. די ערד־קולטור מאַכט אַנדערש איר אויסזען. מע האָט פון דער נאַטור אַרויסגעטריבערט אַלץ, וואָס איז ווילד און פּרימיטיוו, און אויף אַלץ ליגט די חתימה פון ערד־קולטור. אויף יעדן באַרג־אַרויף, אַפילו אויף די בערגלעך פון אַ פּאָר הונדערט פוס הויך, ציען זיך די גרינע טעראַסן. יעדע פלאַנצונג, יעדער געוויקס—מיט זיין אייגנאַרטיקן קאָליר פון בלאַט, בלום און בליט. און אַזוי בייטן זיך די ווייכע פאַרבן אין לאַנדשאַפט. דאָ און דאָרטן וואַקסן ביימער: סאָסנע, קליאָן—איבערצוברעכן די מאָנאָטאָנקייט פון לאַנדשאַפט. יעדע צען מינוט—אַ דערפעלע: אַ הונדערט אָדער מער הייזער, אַזוי ענג צונויפגערוקט איינס צום אַנדערן! צווישן די הייזער—שמאָלע, שמאָלע, ריינע געסעלעך. די הייזער — דינע ווענטלעך, שווערע קאַכלנע דעכער, אָדער מיט רייז־שטרוי געדעקט. צווישן די פעלדער ציט זיך דער הויכער אָנגעשאָטענער שטעג, מיט דעם שטעג ציט דעם מענטשנס ענערגיע רעכטס און לינקס.

דראָטענע צאַמען גרענעצן נישט פעלד פון פעלד.

מ'הערט אַמאָל געזאַנג אין פעלד, אַ פּאָר האַלבע טענער, אַרויסגעקרייזלטע פון אַן ענגן האַלדז. מע הערט אַמאָל דאָס ברימדזשען אויף דעם דריי־סטרונענדיקן סאַמעסאָן, אַ גיטאַרע אַזאַ, וואָס עס דאַכט זיך, אַז נישט מע שפּילט, נאָר מע שטעלט אָן די סטרונעס. דערטראָגן זיך קלאַנגען שטומע, וואָס עמיצער קלאַפּט אויס אויף דומפּן, ליידיקן פייקל; טענער, וואָס זאָגן דעם אייראָפּעער זייער ווינציק. דורכשניטלעך איז שטיל אין פעלד. נאָר פון דער אייגנאַרטיקער און פילפאַרביקער שטילקייט שרייט אַרויס דעם מענטשנס פראַצע.

# אין אינדיע ווערט די קו פארהייליקט.

אין האב געוווּסט, אַז אין אינדיע פאַרהייליקט מען און מע פאַרערט די קו-פּוּדעסטוועגן, ביז מע קריגט אַליין ניט אָפּגעטראָטן די פיס פון אַ קו אויפן טראָטואַר אין קאַלקוטע, די גרעסטע שטאָט אין אינדיע, ביז יעמלט באַגרייפט מען ניט, וואָס דאָס מיינט.

פאַרהייליקט האָט מען דעם אָקס ביי די אַמאָליקע עגיפטער, און די קו און דער אָקס זיינען הייליק אין אינדיע ביז היינטיקן טאָג. צו טויטן אַ קו איז איצטער נאָך פאַררעכנט פאַר אַ זינד, ווי צו טויטן אַ בראַמינער.

אין קאַלקוטע האָב איך געטראָפן די קי גאָר פון אויבנאָן, צי אין די הויפּט-גאַסן, אָדער זייטיקע געסלעך. זיי זיינען בירגער פון דער גאַס, און דאָס פאָלק היט זיי ווי אַן אויג אין קאָפּ. הונדערטער, הונדערטער פאַרמאָגט זיי קאַלקוטע אין אירע גאַסן. זילבער-גרויע קי, אָן הערנער, מיט שווערע גוידערס. דאָ אין גאַס באַגעגנט מען אויך דעם הייליקן אָקס מיט זיין אויפגעטורעמטן פעסטן קאַרק און שווערן גוידער.

די קו גיט מילך דעם אָרעמען פויער. די מילך איז זיין איינציקער חיונה-קוואַל. די קו גיט איר מיסט צו באַמיסטיקן און באַפרוכפּערן דאָס אָרעמע שטיקל פעלד. ווער נאָך דינט אַזוי איבערגעגעבן און טריי דעם אָרעמען פויער ווי די קו? איז קיין חידוש ניט, וואָס דער אינדוס, וואָס איז דאַנקבאַר דער נאַטור פאַר אירע חסדים, וואָס זי טוט דעם מענטשן, דער עיקר דעם פויער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַריבער אַכציק פּראָצענט פון אינדישן פאָלק — איז דען אַ חידוש, וואָס אַזויפיל כבוד טוט דאָס פאָלק אָן דער קו?

און וויפיל צערטלעכקייט די באַפעלקערונג ווייזט אַרויס צו זיי! אין גאַס וואַקסט ניט קיין גראָז פאַר זיי. אין גאַס זיינען ניט פאַראַן קיין שטאַלן פאַר זיי. די גאַס אַליין איז זייער היים. די גאַס אַליין איז זייער פיטער-פּלאַץ. די קו האָט צוטריט, וווּ זי וויל. פאַר איר זיינען אָפן די קלייטן. פאַר איר זיינען אָפן די שפּייַז-קראָמען. ווו עס שטייען אָפענע זעקלעך מיט תבואה, דאָרטן האָבן די קי אַ צוטריט.

עס זעט אויס, און אפשר איז עס אַזוי, אַז דער קרעמער זיצט אין זיין געוועלב מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרט, אַז אַ קו, אָדער טאַקע דער אָקס אַליין, אָדער אַ קעלבעלע, זאָלן באַוויליקן אַריבערטרעטן זיין שוועל און פאַרזוכן פון זיין תבואה אָדער גרויפּן. ער רייבט זיך די הענט און אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן צופרידנקייט.

די קו האָט אויך איר אויסרעכענונג און יושר. זי נעמט אָן אַ מויל תבואה און גייט אַרויס צוריק אויפן טראָטואַר. זי באַדאַרף גאָרניט בדלות שטעלן איין אָרעמען קרעמער. די צווייטע טיר — נאָך אַ קרעמל, און אַנדער מין תבואה. מע באַדאַרף ביי אַלעמען פאַרזוכן צו ביסלעך.

אויף די געמערקן, ווו מע פאַרקויפט גרינצייג, דאָרטן זיינען די קי די הויפט־מחותנים, טרעטן ממש אָפּ די פיס. פון איין געשטעל אַרויסגעצויגן אַ פּאָר מערעלעך און פון אַנדערן אַ הויפּטל קרויט; דאָ אַ קעפּל סאַלאַט. און אַ באַנאַנע־בלאַט איז אויך אַ מאַכל. קענטיק אויף די קי, אַז זיי ליידן ניט קיין הונגער.

אויף די יינגערע, געזינטערע גלאַנצט די פעל־פעט, אויסגערונדיקט.

שלעפן זיך אויך אַרום אַלטע, פאַרזאָרגטע קי מיט קנייטשן אויפן שטערן. שטעלן מיט ווערדע די טריט, וואַרפן דערפאַרענע בליקן אויף אַלע זייטן. די קי איילן זיך ניט. דער אַוטאָמאָביל, צי דער טראַמוויי מאַכט אויף זיי ניט קיין איינדרוק.

אַז אַ קו שטייט אַ פאַרטראַכטע אינמיטן גאַס און דער אַוטאָמאָביל טרובעט און וואָרנט – העלפט עס ניט. דער שאָפער מוז במחילה אַרויסגיין פון זיין אַוטאָמאָביל און גאַנץ העפלעך אַראָפּפירן די קו פון מיטן גאַס אויפן טראָטואַר אַרויף.

און אַזוי טרעפט עס גאַנץ אָפט אויך מיטן טראַמוויי, אַז אַ קו שטעלט זיך אַנידער מעלה־גירה זיין צווישן די רעלסן, רירט זיך פון אָרט ניט. דער קאָנדוקטאָר שטעלט דעם טראַמוויי אָפּ, פירט די פריצטע אַרויף אויפן טראָטואַר, גלעטנדיק איר גוידער. פאַרשטייט זיך, אַז אויף די טראָטואַרן פאַרנעמען זיי דעם אויבנאָן. ווען אָפּגעגעסן צו זאַט, אַביסל מידלעך, לייגט מען זיך צו ביי דער וואַנט פון אַ הויז, ביי דער זייט פון די מאַסן, וואָס כאַפּן אַ דרעמל אַזוי אויף דער ערד – און אַזוי גייט דאָס לעבן.

ביינאַכט, אַז איר גייט אין גאַס, באַדאַרפט איר זיך היטן ניט אָנצוטרעטן אויף די קי און קעלבלעך, וואָס ליגן גאַנץ שווער אויסגעלייגט אויף די טראָטואַרן. אין די קילערע נעכט האָבן די איינוווינער זיי אין זינען און, ווי אַ קעלבל, ווי אַ שוואַכע קו, קומט אַ שכן אַרויס פון שטוב און דעקט אַריבער די קו אָדער קעלבל, וואָס האָט באַוויליקט זיך לייגן אָפּרוען לעבן זיין טיר.

די קי מיסטיקן די גאַסן, מיסטיקן די טראָטואַרן. זיינען ניט שטאַרק איבערקלייבעריש. נאָר קו־מיסט איז אַ וויכטיקער אַרטיקל אין אינדיע. מיט קו־מיסט שמירט מען אויס דאָס הויז גאַנץ אָפט, כדי צו „ריייניקן" עס. און בכלל נאָך יעדער ריייניקונג, ווען, למשל, עמיצער איז געשטאָרבן אין אַ הויז, שמירט מען אינעווייניק דאָס גאַנצע הויז אויס מיט מיסט. גייען טאַקע אום די פרויען אין די גאַסן און קלייבן גאַנץ פאָרזיכטיק אויף די מיסט. מע קנעט עס אויפן טראָטואַר אין פּלעצלעך אויס און טאַקע דאָ טריקנט זיך עס אויף דער זון.



# די קאַסטעס אין אינדיע.

די לעצטע דורות ווייסט ניט די וועלט פון אַזאַ קלאַסן־צעטיילונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווי די, וואָס הערשט פון טויזנטער יאָרן אין אינדיע.

און שטרענג איז די מחיצה צווישן קאַסטע און קאַסטע. מיט אַ פײַערדיקער וואַנט איז די צעטיילונג. ניט אַרויס און ניט אַרײַן.

לאָמיר אָנרופן די פיר הויפּט־קאַסטעס:

צום ערשטן קומען די ב ר אַ מ י נ ע ר — די גאָר אויסדערוויילטע, פּריסטער, האַלבע געטער אין מענטשן־געשטאַלט, וואָס אין דער אייגענער צײַט האַלטן זיי דאָס פאָלק אין פינצטערניש. דערנאָך קומען די ק ש אַ ט ר י ע ר, די קריגער. אויפן דריטן פּלאַץ שטייען די וו אַ ס י ע ר, די לאַנד־אייגנטימער און סוחרים. אויפן פערטן פּלאַץ קומען די ס ו ד ר אַ ס, וואָס שליסן אײַן אַלע האַנטוווערקער: אַלע, וואָס באַאַרבעטן יענעמס ערד, באַלמעלאָכעס און קונסט־טוער.

לויט דער טראַדיציע זײַנען די בראַמינער געבוירן געוואָרן פון דעם גרויסן גאָט בראַמאַס מויל. די קשאַטריער קומען אַרויס פון בראַמאַס אָרעמס, די וואַסיער— פון זײַנע היפטן, און די סודראַס קומען אַרויס פון בראַמאַס פיס. נידעריק גענוג.

דאָס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט, ווען אינדיע פאַרמאָגט נאָר ניט די מיליאָנען גאָר אַרויסגעשלײַדערטע אויסער יעדער קאַסטע: פּ אַ ר י ע ר!—די טמאים, די אומרײנע.

און זיי, די אַרויסגעשלײַדערטע, זײַנען די אייביקע קנעכט בײַ דער געזעלשאַפט.

אין גרונט איז נאָך יעדע קאַסטע באַזונדער צעטיילט אויף אַלערליי סעקטעס, וואָס דאָס באַשאַפט אַ גאַנץ שאַרפע פונאַנדערטיילונג. די סודראַס אַליין זײַנען צעטיילט אויף איבער הונדערט סעקטעס. דאָס איז אַ רעליגיעזע צעטיילונג. יעדער פאַך און יעדע מלאָכה לייגן נאָך אַרויף זייער שטעמפּל אויפן מענטשן פון אַלטע דורות אָן, און ער קען זיך פון דעם שטעמפּל ניט אָפּוואַשן.

עס קען זיך קיינער ניט באַשעפטיקן מיט צוויי באַזונדערע מלאָכות, און ער קען זיך פון זײַן צעך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן און טאָן עפּעס אַנדערש. קינדער, וואָס ווערן געבוירן פון קופּערשמידן, מוזן בלײַבן אין זייער פאַך. קינדער פון סטאָליאַרעס וועלן שוין זײַן סטאָליאַרעס. קינדער פון שנײַדער, שוסטער און פון יעדן פאַך באַזונדער קענען זיך ניט אַרויסרײַסן פון דעם פאַך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן שוין אָנגעהאַלטן. אַזוי גייט עס שוין מער ווי דרײַ טויזנט יאָר. אַ פאַרכישופטער קרײַז, ניט אַרויס פון אים.

עס איז געגאַנגען פיל ווײַטער: איין מלאָכה איז מער יחוס, און די אַנדערע—ווינציקער. די אַלע, וואָס אַרבעטן בײַ לעדער: גאַרבערס, שוסטערס אד"ג — זיי געהערן צו איינער פון די נידעריקסטע קאַטעגאָריעס. וועשערס שטייען נאָך נידעריקער, שערערס — נאָך נידעריקער. דערנאָך קומען די פּאַריער, די אַרויסגעשלײַדערטע פון דער געזעלשאַפט, וואָס זײַנען פאַרמישפּט אויף אייביק צו בלײַבן די מיסטפירערס, די גאַסן־ריניקער און די אונטערראַמערס פון דער געזעלשאַפט.

יעדע קאַסטע, ווי יעדער פאַך, טראָגט איר צייכן, האָט איר שפּראַך, איר באַנעמונג, און וויי צו דעם, וואָס וויל אַרויס פון זײַן קאַסטע, אָדער אויפגעבן זײַן

פאַך. יעמאָלט ווערט ער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון דער געזעלשאַפט. יעמאָלט איז ער אין חרם און עס בלײַבט פאַר אים צו גיין אויפן מיסטבאַרג.

בעטלען איז אויך פּראָפעסיאָנעל אין אינדיע. פאַראַן אַ בעטלער־קאַסטע.
און אויך גנבים האָבן זייער פּראָפעסיאָנעלע קאַסטע.

די בראַמינער זײַנען די, וואָס האָבן אין פינצטערניש אײַנגעוויקלט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. זיי זײַנען מיליאָנען אין אינדיע. מיליאָנען מענטשן־געטער דיקטירן נאָך עד־היום דאָס גאַנצע לעבן. דאָס פאָלק דינט צו זיי אונטער־טעניק, און יעדער בראַמינער אַליין גלויבט, אַז ער פאַרקערפּערט אין זיך אַלע געטער. אַז דער בראַמינער ברענגט קרבנות, איז דאָס צום גאָט, וואָס זיצט אין אים אַליין.

די בראַמינער האָבן קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז מענטשן, וואָס געהערן צו די אַלע אַנדערע קאַסטעס, זאָלן זיך קענען דערנענטערן צום קוואַל פון וויסנשאַפט. פאַר זיי איז געלערנטקייט געווען פאַרבאָטן.

צום בראַמינער אין שטוב אַרײַן טאָר ניט אַרײַנקומען אַ מענטש פון אַ נידע־ריקער קאַסטע, ווײַל ער איז מטמא דאָס הויז. ווען דער וועשער ברענגט אָפּ די וועש, וואַשט מען עס נאָך אַ מאָל. דעם שערער וואַרפט מען צו דאָס געלט אין האַנט און דערנאָך באָדט מען זיך אַליין, ווײַל דער שערער האָט מטמא געמאַכט.

צען טריט אָפּגעטראָטן שטייט אַ מענטש פון אַ נידעריקער קאַסטע, בעת ער רעדט מיט איינעם פון אַ העכערער מדרגה. און ווען אַ סודרא, למשל, זאָל באַדאַרפן ריידן, אָדער אָנקומען צו אַ בראַמינער, ציט ער זיך אויס מיט זײַן גאַנצער לענג אויף דער ערד, אונטערטעניק, איידער ער איז זוכה נאָר צו ווײַזן זיך פאַר אים.

עס טאָרן זיך ניט משדך זײַן צווישן זיך מענטשן פון פאַרשיידענע קאַסטעס אין פאַרשיידענע פאַכן. אַ שנײַדער קען זיך ניט משדך זײַן מיט קיין שוסטער, אַ סטאָלער קען זיך ניט משדך זײַן מיט קיין שלאָסער. יעדער מוז בלײַבן אין זײַן קרײַז. כּסדר פאַראומרייניקט איינער דעם אַנדערן. מען עסט ניט צוזאַמען. מע זיצט ניט בײַ איין טיש, ווען מען איז ניט פון דער אייגענער מדרגה. ווען אַ סודראַ מאַכט אַ יום־טוב פאַר אַ בראַמינער, טאָר דער באַלעבאָס ניט זײַן דערבײַ, טאָר ניט עסן אינאיינעם מיטן גאַסט.

צווישן די בראַמינער געפינען זיך אַ סאַך פּראָצענטניק־ס. זיי זײַנען אויך פעיִקע קרעמער, כאָטש לויט טראַדיציע טאָרן זיי זיך מיט האַנדל ניט פאַרנעמען. זייער איינציקער זכות — וואָס זיי זײַנען וועגעטאַריער. דער גרעסטער טייל פון זיי עסט ניט קיין פלייש.

וואָס פאַר אַ צרות עס האָט אויסצושטיין דער יונגער דור, וואָס וויל זיך באַפרײַען פון די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע שטריק, וואָס בינדן זייערע טריט! עס איז דאָך גענוג, אַז אַ קינד פון אַ בראַמינער האָט געגעסן מיט אַ מענטשן פון ניט זײַן מדרגה, — ווען מע דערוויסט זיך פון דעם, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון טאַטע־

מאַמעס שטוב. ער פּאַראומריייניקט די שטוב, ווען ער קומט אַרײַן, און מוז דערי=
בער עסן אין דרויסן איינער אַליין. און דער ווײַסער מענטש, דער אייראָפּעער, איז
גאָר אַ טמא זאַך. קיין בראַמינער וועט מיט אים ניט עסן בײַ איין טיש. ער וועט
ניט אײַנלאַדן דעם ווײַסן מענטשן צו זיך אין שטוב אַרײַן. טאָמער האָט מען גע=
מוזט עפענען די שטוב פאַר אַ ווײַסן, רייניקט מען דערנאָך די שטוב און מע
שמירט די פּאָדלאָגע מיט קו=מיסט. דער דורכשניטלעכער אינדוס טרינקט ניט פון
קיין גלאָז, וואָס אַ ווײַסער מענטש האָט באַנוצט. דער ווײַסער מענטש אין אינדיע
מוז אָנקומען צו די פּאַריער, אויב ער וויל, מע זאָל אים באַדינען.

# קאַליפאָרניע.

דער שטילער ים וואַשט דעם זוים פון קאַליפאָרניע, דאָס האַרץ פון דער גאָלדענער וועסט.

דעם נאָמען „גאָלדענע וועסט” האָט קאַליפאָרניע באַקומען אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט און פערציק. דעמאָלט, ווען אַ מענטש מיטן נאָמען סוטער און נאָך אַ מענטש מיטן נאָמען מאַרשאַל, ווילנדיק בויען עפּעס אַ מיל בײַ אַ טײַכל פון צפון־זײַט פון קאַליפאָרניע, האָבן זיי פּלוצלונג גאָלדענע זעמדעלעך באַמערקט אויפן גרונט פון קלאָרן וואַסער.

— גאָלד!

פון זייער האַרצן האָט זיך דאָס כּישוף־וואָרט אַרויסגעריסן מיט אַזאַ כּוח, אַז פון עק וועלט ביז עק וועלט האָט זיך דער אָפּקלאַנג צעטראָגן.

און פון וואַנען האָט מען זיך צוהער ניט געצויגן? פון כינע און יאַפּאַן דורכן שטילן ים און פון די ברעגעס פון אַטלאַנטיק דורך די קאָלאָראַדער בערג... דורך די מידבריות פון יוטע און אַריזאָנע האָט מען זיך צונויפֿ און אין בוידן געצויגן. מע איז געלאָפן פון אַלע עקן אייראָפּע און פון אַלע אַמעריקעס ווינקעלעך. אפשר נאָך איצטער קען מען געפינען דאָ און דאָרטן אין די מידבריות ביינער פון אָט יענע בראַווע מענטשן גליק־זוכערס.

שפּעטער מיט איין און צוואַנציק יאָר האָט מען די ערשטע אײַזנבאַן־ליניע דורך דער לענג פון לאַנד דורכגעפירט, פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק. האָט מען דעם לעצטן טשוואָק אין שוועל פון רעלס אַרײַנגעשלאָגן — אַ גילדערנעם.

מיט דעם פאַרזיגלט און פאַראייביקט דעם נאָמען פון קאַליפאָרניע.

די גאָלדענע וועסט.

די קינדער פון לאַנד, ווען זיי זעען קאַליפאָרניע אין חלום, איז עס ניט דער קלאַנג פון גאָלד שולדיק. זיי חלומען פון דער גאָלדענער וועסט, און אין חלום זעען זיי גאָלדענע אַפּעלסינען, וואָס שײַנען אַרויס פון צווישן געדיכטע בלעטערדיקע צווײַגן; ס'איז גאָר אַן אַנדער מין גאָלד.

אין יענע צײַטן, ווען מע האָט אין קאַליפאָרניע גאָלד אַנטדעקט, איז די געגנט נאָך געווען וויסט. ביז צום ים איז די וויסטעניש פאַרלאָפן. אַפילו נאָך הײַנט איז דער גרעסטער טייל פון קאַליפאָרניע, וואָס צו מזרח־זײַט, וויסט. שטיין און זאַמד ווי אין אַריזאָנע.

זומער גייען דאָ קיין רעגנס ניט. זומער איז אַלץ אויסגעטריקנט, אויסגעברענט — אויסער דאָרט וווּ דער מענטש האָט זײַן מי צוגעלייגט. און ווען ניט דער מענטש און זײַן גוטער ווילן, וואָלט נאָך איצטער קאַליפאָרניע געווען אַזוי וויסט ווי אַריזאָנע.

רעגנס גיסן דאָ בלויז אין ווינטער, און מע דאַרף, אַז עס זאָל גרינען און בליען אַ קיילעכדיק יאָר לאַנג. ס׳איז צו קומען און צו זען, מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט מע גייט אַרום די חנעוודיקע אַפּעלסינען⸗ביימלעך, וואָס שטענדיק בלייבן זיי יונג און שיינענדיק; זעען שטענדיק אויס ווי ערשטלינגס; ווי ערשט דאָס ערשטע יאָר האָבן זיי זיך באַדעקט מיט בלימעלעך, שפּעטער—מיט גרינע פּירות, וואָס האָבן געקוואָלן, מיט זאַפט זיך אָנגעגאָסן און אין גאָלד זיך ליכטיק באַקליידט.

ס׳ציען זיך אַזעק אויף צענדליקער מײַלן שורות, שורות אַפּעלסינען⸗ביימער, אין הייך פון אַ מענטשן, מיט גרויסע, געדיכטע, געקרייזלטע קעפּ-גרינע בלעטערדיקע לאָקן. אין די לאָקן זײַנען געדיכט גאָלדענע פּאָמעראַנצן אײַנגעפלאָכטן. יעדעס ביימעלע איז אין צײַט אַרומגעצופּט געוואָרן, די ערד אונטער דעם אַרומגעגראָבן און ווייך צעגראָבן; יעדעס ווילד גרעזעלע בײַם צופוסנס פון ביימל אויסגעריסן. אין ווינטער מאַכט מען, אַז עס זאָל זיי וואַרעם זײַן: אונטער יעדן ביימעלע אַ קעראָסין⸗אייוועלע, וואָס דורך נעכט וואַכט מען איבער דעם, ס׳זאָל ניט אויסגיין, און אַזוי דערהאַלט מען דעם גאָרטן בײַם לעבן.

און וואָס וואַקסט דען דאָ ניט, אַז מע באַמיט זיך? עפּל, באַרן, פלוימען. קאָרן, ווייץ, גערשטן, איילבערטן און פײַגן, האָבער, מערן און בוראַקעס.

אָבער קיין שום געגנט שמעקט ניט אַזוי זיס ווי די אַפּעלסינען⸗געגנטן, ציטרינען⸗און⸗אתרוגים גערטנער. זייער פײַנער ריח רײַסט זיך אַרויס איבער די גרענעצן פון זייער ממשלה, טראָגט זיך אַרויס צום דורכפאָרער אָדער דורכגייער מיט דעם ברייטן וועג.

# אין שאָטן פון גאָלד.

אַז מע קומט אַרײַן אין האַרץ פון די גאָלדגריבער אין יאָהאַנעסבורג, איז כמעט נישט צו באַגרײַפן, ווי ס׳איז מעגלעך געווען אין אַ דרײַ צענדליק יאָר אַזוי פיל שטיין פון אונטער דער ערד אַרויסצובערנגען, צעמאָלן עס און באַשאַפן אַזעלכע שטויב־בערג אויף צענדליקער מײַלן.

די מילן, וואָס מאָלן די שטיינער, באַשאַפן אַזאַ טעמפּן און גאָר אָן אַ סוף עזותדיקן גערודער, — אַז דער מוח פון קאָפּ הייבט זיך אָן רירן, ווען מע קומט אינעווייניק אַרײַן.

שרײַ אויס דײַן ווונדער אין דער הויך, אָדער זידל זיך אויס — אַלץ איינס — קיינער וועט עס נישט הערן.

אין קאָנטראַסט מיט די רוישיקע שטיין־מילן זײַנען די טויזנטער נעגער, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום פלעגמאַטיש, שווײַגנדיק. דרייען זיך אַרום אין די טויזנטער — ווער מיט סימנים פון גבורה, און ווער מיט אײַנגעצויגענע באַקן, און ווער עס הוסט און וואַרגט זיך שוין מיט דער לופט. ווײַטער פון דעם ראַיאָן טאָרן זיי נישט אַרויסגיין. אויף דרײַ יאָר האָט זייער מלך זיי פאַרקויפט דורך אַגענטן צו די מינען־הערשער. דאָ שלאָפן זיי אין די קאַזאַרמעס. דאָ עסן זיי, וואָס מע גיט זיי צו עסן. ביז עס קומט זייער צײַט אַראָפּצולאָזן זיך אונטער דער ערד, דרייען זיי זיך אַרום שטילע אונטער דער ברענענדיקער זון, וואַרעמען אויס אַ ביסל דאָס לײַב אין דער זוניקער וואַרעמקײַט.

די פיר־שטאָקיקע עלעוויטאָרס נעמען אַרונטער אונטער דער ערד גאַנצע מענטשנקנוילן פאַר אַ מאָל און שלײַדערן זיי אין אַ מינוט, צוויי מינוט אַ מײַל טיף אונטער דער ערד. פיר אַזוינע עלעוויטאָרס יאָגן זיך אַרויף און אַראָפּ אין דער מינע, ווּהין איך גיי מיך איצט אַראָפּלאָזן.

איך הייב אָן אַראָפּצופאַלן אין דער נידער אַראָפּ־און־אַראָפּ, געבאָדן אין אַ פײַכטער לופט, וואָס איז פון אָנהייב קילבלעך און וואָס ווײַטער — וואַרעמער, וואַרעמער. און באַלד דערפילט מען, אַז דאָס לײַב איז עפּעס נישט ריין, קלעפּעדיק און קלעפּט דאָס העמד צו זיך.

פיר טויזנט פוס — דאָ לאָזט מען מיך אַרויס. אָבער איידער איך באַטראַכט אַרום דעם גרויסן חלל אין געשטאַלט פון דער צענטראַלער סטאַנציע אין דעם גראַניט אויסגעהאַקט, לעשט זיך די עלעקטרע מיטאַמאָל אויס אַרום און אַרום, און אַלץ ווערט פאַרוויקלט אין דער פינצטערניש. אַ צופאַל. וועט מיסטאָמע לאַנג ניט דויערן. באַלד וועט ווידער ליכטיק ווערן.

באַלד באַווײַזן זיך דאָ און דאָרט פײַערלעך, ליכטלעך אין עמיצנס הענט. די פינצטערניש איז אַ געדיכטע, לאָזט די שטראַלן נישט פונאַנדערשפּרייטן זיך צו ווײַט.

די מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, זײַנען דאָס רוב ברוין־שוואַרצע, אָבער פון דער פינצטערניש לײַכט זיך נאָך דאָס שוואַרצע לײַב מער ווי דאָס ווײַסע אַרויס. די שוואַרצע געשטאַלטן, ווי שטיקער פינצטערניש, גייען אַרום און צעשנײַדן מיט זיך דעם געלבלעכן חושך.

פּלוצלונג צינדט זיך אָן דאָס עלעקטרישע ליכט, און אַלץ ווערט מיטאַמאָל אָפּגעדעקט.

אַ גרויסער און ברייטער אונטערערדישער וואָקזאַל אין גרוי־געלן גראַניט אויסגעהאַקט. אַן עלעקטרישער צוג־וואַגאָנ׳ס אָנגעלאָדענע מיט פּײַכטע שטיקער שטיין—קומט אָן מיט אַ פּײַף און טעמפּן גערויש און בלײַבט דאָ שטיין. אונטערן צוג איז אַן אָפּגרונט אָפן. יעדער וואַגאָן עפנט זיך אויף פון אונטן, און די שטיינער ווערן אין אָפּגרונט אַרײַנגעשפּיגן. דאָרט וואַרט געוויס אויף זיי אַ מיל, וואָס צעברעכט זיי אויף קלענערע שטיקער.

דער וועג, וואָס ציט זיך אַוועק פון צענטער אויף רעכטס און לינקס, איז אַ ברייטער; דער טונעל איז אַ גראַמער.

קאַפּירס, קאַפּירס, קאַפּירס. נאַקעטע ביז צו די לענדן. צווישן זיי איינציקע ווײַסע, בלייכע מענטשן. זיי באַפעלן. אָבער וואָס איז דער חילוק דאָ אונטער דער ערד, צי מע הערשט, אָדער מע ווערט באַהערשט? ביידע, סײַ דער ווײַסער, סײַ דער קאַפּיר—אויף ביידן געוועלטיקט די קללה.

קומט אָן פון ערגעץ אַ שורה אײַזערנע וועגעלעך, אָנגעלאָדענע מיט שטיינער, לויפן אויף אַ שמאָלע פּאָר רעלסן. הינטער די וועגעלעך—קאַפּירס, אונטערשטופּערס. באָרוועסע לויפן זיי אויף די רויע, שפּיציקע שטיינער.

איך וווּנדער זיך, וואָס זייערע פיס ווערן נישט צעשניטן אַזוי לויפנדיק באָרוועס אויף די שפּיציקע שטיינער. ווערט דער וווּנדער אָבער פאַרענטפערט. אָט איז אַ קאַמער אין דער שטיינערנער וואַנט, וווּ מע בינדט איבער אויף גיך וווּנדן. שטייען בענק נאַסע, פון אייגענעם שווייס אויסגעווייקט. אויף אַ באַנק זיצט אַ קאַפּיר מיט אַ נאַקעטן פוס און פון פוס רינט בלוט. מיט אַ ווײַסן באַנד דעם טראָט פאַרבונדן. טריפט דאָס בלוט דורכן באַנד. איז דער באַנד רויט.

אויך פון זײַן בלוט ווערט דער ווײַסער באַנד בלוטיק־רויט.

טיפער אין טונעל. די באַוועגונג איז נערוועז און דאָך אויסגערעכנט. נאָך אַ צוג מיט שטיינער פאַרבײַגעלאָפן. מײַן שווייס באָדט מיר מײַן לײַב אונטער מײַנע קליידער. און קאַלט איז דער שווייס.

אין דרײַען איינגעבויגן קריכט מען אַרײַן צו דעם שטיינערנעם אוצר דורך איינעם פון די טונעלן. אַ טוץ קאַפּירס און איין ווײַסער אַרום איין עקבויער, וואָס ציטערט און ווערט געטריבן פון געפּרעסטער לופט אין פעלז אַרײַן. אַלע שטעלן אָן אויף מיר די אויגן. די קאַפּירס מיט ווײַסע, קאַלטע ווײַסלען, וואָס רינגלען אַרום גרויסע שוואַרצלען. אויגן, קאַפּירשע אויגן. מיט אַזעלכע ווייסלען און שוואַרצלען קוקט אַ קאַלב אַ געבונדענע, ווען איר קאָפּ איז שוין צו דער ערד געבויגן און דער האַלדז צום חלף אויסגעצויגן. און דער ווײַסער, די קלוימערשטע איבערהאַנט וואָס איבער זיי—ער לאַכט. זײַן פּנים איז צעבראָכן פון טויזנטער שמייכלען.

מײַן פּנים איז פאַרשוויצט, פּונקט ווי זײַנס. אָבער אין זײַן פּנים ליגט דאָס גרויסן זיך און שטאָלצקײַט, וואָס איך האָב שוין איינמאָל דערקענט בײַ די ווײַסע גאָלדגרעבער ערגעץ־וווּ אין אַן אַנדער לאַנד.

דאָס נאַקעטע ברוין־שוואַרצע לײַב פון די קאַפּירס איז בלאָטיק־נאַס. די מוסקלען שיטער.

פון ווײַטן קומט אַ דונער־כוואַליע, און זי זינקט אײַן אין שטיינערנע ווענט.

דינאַמיט האָט ערגעץ אויפגעריסן,—פילן אַלע ווענט די קראַמפן.

איך קוואַלן וואַסער האָט מען אונטער דער ערד איבערגעשראָקן, נאָך דעם גאָלד זיך יאָגנדיק. שטראָמען זיי און זוכן זייער וועג. טײַכן גאַנצע שטראָמען פון ערגעץ מיט אַ גערויש און פאַרשווינדן ערגעץ אין דער ווײַט. מע הערט שוין די שפירן פון אַזאַ קוואַל. עס ווערט דאָס וואַסער אַרויסגענאַרט אויף דרויסן מיט ריזיקע פאָמפעס, וואָס ווייסן ניט קיין רו סײַ טאָג און סײַ נאַכט.

שוין אויפן וועג צו דרויסן גיי איך ווידער פאַרבײַ דעם פלאַץ, ווו מע בינדט איבער ווונדן. זיצט נאָך אַלץ דער האַלב־נאַקעטער קאַפיר אויף דער פאַרשוויצטער באַנק. קוקט אויף זײַן שוואַרצן פוס, וואָס מיט אַ ווײַסן באַנד אַרומגעבונדן.

און דער ווײַסער באַנד איז אַזוי רויט, בלוט־רויט.

ער, ווי איך, ביידע וווּנדערן זיך, וואָס בלוט איז אַזוי רויט, אַזוי רויט.

דרויסן הערשט דער ליכטיקער טאָג, אַפריקעס אַ ליכטיקער טאָג.

* *
*

איך האָב די זכיה צו ווערן אַרײַנגעלאָזט אינעווייניק אין שמעלץ־הויז אַרײַן, ווו מע שמעלצט גאָלד.

דאָס אָרט איז הייליק—שעפּשעט עפעס פון יעדן ווינקל אַרויס. די אויוונס—אין די ווענט אײַנגעשלאָסענע און פאַרשלאָסענע. קומט פון די ווענט אַרויס אַ ווײַטער, אײַנגעהאַלטענער אונטערערדישער ווינט־געריש. כאָטש אין די פאַרבאָרגענישן פלאַקערן געוויס פײַערן ווילדע. אָבער דאָ, אין טעמפל, איז אַ שטילע קילקײַט. אַ צוויי ווײַסע מענטשן, אַ דרײַ קאַפירס. ערנסטע פנימער. דאָ געפינט זיך דער אמתער האַר - אויפן טיש – אַ געלער, קאַלטער ציגל, ריין גאָלד! אָפגעגאָסן און געלײַטערט גאָלד. ערשט באַמערק איך, אַז נידעריק, כמעט אין דער ערד, שטייט אַ גרויסער טאָפ טיף אײַנגעמויערט. דער טאָפ איז פול מיט אַ געלבלעכער און זילבעריק־שווערער פליסיקייט. צעשמאָלצן גאָלד און מיט אַ זילבערדיקן הײַטל באַדעקט. אונטן ברומט אַ פײַער נישט אַרויסצוזען. מע באַפעלט, און צוויי קאַפירס נעמען דעם טאָפ אַרויס מיט אײַזערנע צוואַנגען. און אַ ווײַסער מיט אַן ערנסט פנים נייגט דעם טאָפ מיט אַ לאַנגער צוואַנג און גיסט דאָס גאָלד אין אַ שוואַרצער, קאַלטער פאָרמע אַרײַן. גיסט זיך ניט קיין גאָלד נאָר אַ זוניקײַט פון טאָפ אין דער קאַלטער פאָרמע אַרײַן. אָבער באַלד ווערט די זוניקײַט טונקעלער, אויסגעלאָשן, און לעבן דעם ערשטן קאַלטן, געלן ציגל לייגט מען דעם צווייטן אַנידער. מע קלאַפּט אויף אים אויס עמיצנס חתימה.

אין עטלעכע שעה אַרום וועט ער זײַן אַזוי קאַלט ווי דער ערשטער.
דאָס איז אַלץ.

מע עפנט אויף אַ זײַטיקע טיר אין אַ וואַנט. אַ טיגל. דאָרט לײַטערט זיך דער גאָלד־שטויב. אַ געריש פון פאַרשטיקטע ווינטן אין אויוון. און די לויטערקײַט—נישט אַנדערש, שטיקער פון דער זון האָט מען אָפגעריסן, ווען די זון האָט געהאַלטן בײַ דער שקיעה, און דאָ אין אויוון האָט מען די זונענשטיקער פאַרשפאַרט. און זיי רוישן און זיי בענקען צו דער זון. רײַסן זיך פון דער תפיסה אַרויס.

# אינהאַלט:


יאַפּאַנס פעלדער – – – – – – – – 3

אין אינדיע ווערט די קו פאַרהייליקט – – – – – 6

די קאַסטעס אין אינדיע – – – – – – – 8

קאַליפאָרניע – – – – – – – – – 11

אין שאָטן פון גאָלד – – – – – – – – 13